# גלאָסאַר צו שלום־עליכמס „דער פֿאַרכּישופֿטער שנײַדער“ און „אַ נישׂרף“

**דאָ ווערן דערקלערט נאָר ווערטער און אויסדריקן וועלכע געפֿינען זיך נישט (אָדער פֿיגורירן מיט אַן אַנדער אָפּטײַטש) אינעם וו״ב פֿון לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער (2012) און אינעם ייִדיש־פֿראַנצייזישן וו״ב (2002) אָדער ייִדיש־ענגלישן (2013). עס ווערן אויך קאָמענטירט געוויסע אידיאָמאַטישע אויסדריקן.**

**ז׳ 3**

**איש הָיָה ב... ושמו...** (אַזוי הייבט זיך אָן אין תּנך דער ספֿר איובֿ) : אַ מאַן איז געווען אין ... און זײַן נאָמען איז ...

**זלאָדייעווקע** : אויסגעטראַכטער נאָמען פֿון אַ שטעטל, דעריווירט פֿון אוקראַיִניש *זלאָדי* = גנבֿ.

**מאַזעפּעווקע** : שלום־עליכמס אַ באַליבטער שטעטל־נאָמען. אַזאַ שטעטל עקזיסטירט, אָבער אין ייִדיש דערמאָנט עס אין *מאַזען/מאַדזען/מאַדזשגען* = אויסשמירן, און אין *מאַזעפּע* = אויסגעשמירטער, *שמוציקער*.

**כּאַפּלאַפּאָוויטש** : אויסגעטראַכטער אָרטנאָמען, דעריווירט פֿונעם אַדווערב *כאַפּ־לאַפּ* = אין אײַלעניש און אומגעלומפּערט.

**קאָזאָדאָיעווקע** : אויסגעטראַכטער אָרטנאָמען, דעריווירט פֿון אוקראַיִניש *קאָזאַ* = ציג און *דויִט* = מעלקן.

**יאַמפּעלע** : עטלעכע ערטער אין אוקראַיִנע טראָגן דעם נאָמען יאַמפּאָל. פֿאַראַן אַזאַ שטעטל אין צפֿון־מערבֿ פֿון פּערעיעסלאַוו, ווו שלום־עליכם איז געבוירן געוואָרן. דער נאָמען דערמאָנט אין *יאַמקע* = גריבל.

**סטרישטש** : מסתּמא איז דאָס סריזשאָווקאַ, מיזרח־זײַט פֿון פּערעיעסלאַוו, לעבן וויניצע. דער נאָמען דערמאָנט אין *סטריכעס* = דאַכשטרוי.

**פּישי־יאַבעדע** : אויסגעטראַכטער אָרטנאָמען, דעריווירט פֿון רוסיש. ס׳מיינט : *שרײַב א מסירה*.

**פּעטשי־כוואָסט** : אויסגעטראַכטער אָרטנאָמען, דעריווירט פֿון אוקראַיִניש, *פּעטשיט* = ברענען און *כוויסט/כוואָסט* = וויידל, *שוואַנץ*.

**טעטרעוועץ** : אויסגעטראַכטער אָרטנאָמען, דעריווירט פֿון אוקראַיִניש *טעטערעוו* = באַרגהענדל (ענגליש: grouse ; עברית: מין שכווי).

**יעהופּעץ** : שלום־עליכמס אויגעטראַכטער נאָמען פֿאַר קיִעוו, דעריווירט, ווי עס ווײַזט אויס, פֿון אוקראַיִנישן נאָמען פֿון עגיפּטן, מצרים.

**שמַע קולֵנו** : „הער אויס אונדזער רוף“, ווערטער בײַם אָנהייב פֿון דער זעכצנטער ברכה פֿון *שמונה־עשׂרה* (די ברכה הייסט שומֵע תּפֿילה = „דער וואָס הערט אויס געבעטן“).

**וְהָיָה הָאיש חַיט** : „און דער מאַן איז געווען אַ שנײַדער“

**טאַבעלטיר** : סימעטריע, פּראָפּאָרץ. (מסתּמא ווערט דאָ געמיינט אַ מאָדעל גענומען פֿון אַ מאָדע־זשורנאַל).

**לאַטניק** = לאַטוטניק

**מאַכן מיט דער בלאָטע:** (געקירצט פֿון) מאַכן מיט דער בלאָטע צו גלײַך = זידלען, שאַרף קריטיקירן.

**קוילערס** : מערדערס

**ז׳ 4**

**הַיום הֲרַת עולם** : „הײַנט איז דאָס געבוירן פֿון דער וועלט“, אָנהייב פֿון אַ טעקסט פֿון 23 ווערטער אינעם ראָש־השנהדיקן מוסף, ווו עס רעדט זיך פֿון דער מילדקייט און באַרעמהאַרציקייט פֿון גאָטס מישפּט. (אָבער די דרײַ ווערטער גופֿא ווערן אין אַלגעמיין געניצט מיטן באַטײַט : „הײַנט איז אַ גורלדיקער טאָג“).

**וַיִּתְרוֹצְצוּ...** (בראשית כה 22) : „זיי האָבן זיך געשטויסן“. **...וַיִּתְפּוֹצְצוּ** (חבַקוק ג 6) : „זיי זײַנען צעפּיצלט געוואָרן“. ביידע ווערטער האָבן נישט קיין שײַכות איינס מיטן צווייטן, סײַדן די פֿאָנעטישע ענלעכקייט.

**וואָס טיביע יוֹצֵר הַמְּאוֹרוֹת** : „אָט האָסטו דיר יוצר המאורות“ (געמישט אוקרײַניש מיט לשון־קודש. יוצר המאורות = „דער באַשעפֿער פֿון די ליכטער“ – דאָס זענען די לעצטע ווערטער פֿון דער ברכה יוֹצר אוֹר = „באַשעפֿער פֿון ליכט“, וואָס מע זאָגט אין דער פֿרי פֿאַר קריאת־שמע) אָט איז אַן אומגעריכטע זאַך / אַ נישט־קלוגער אײַנפֿאַל

**ליב געהאַט דעם עָמוּד** : ליב געהאַט צו זײַן דער בעל־תּפֿילה, צו זינגען אין שול אויפֿן אָרט פֿונעם חזן.

**יָאָה עֲנִיוּתָא לְיִשׂרָאֵל...** : געקירצטע ווערסיע פֿונעם תּלמודישן ווערטל יָאָה עֲנִיוּתָא לִיהוּדָאֵי כִּי בִרְזָא סומקָא לסוסיָא חִיוּרָא (חגיגה ט) „אָרעמקייט פּאַסט צו ייִדן ווי אַ רויטער רימען צו אַ ווײַס פֿערד“

**...כֶּטשערעוויטשקע קראַסני לֶדיווקע חיוורא** (אוקרײַניש) : ...ווי אַ רויט שיכל צו אַ ווײַס מיידל.

**וּשֵׁם אִשְׁתּוֹ :** און דער נאָמען פֿון זײַן פֿרוי

**כְּנֶגְדּוֹ** : אין בראשית ב 18 שטייט אַז גאָט האָט באַשאַפֿן די פֿרוי כּדי זי זאָל זײַן פֿאַרן מאַן אַן עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ = „אַ הילף אַנטקעגן אים“, דאָס הייסט : אַ הילף וואָס פּאַסט פֿאַר אים, וואָס ענטפֿערט אויף זײַנע באַדערפֿענישן. אָבער כּנגדו אַליין קען מען טאַקע טײַטשן ווי „קעגן אים“, און שלום־עליכם גייט נאָך ווײַטער – „דאָס פֿאַרקערטע פֿון אים“.

**וְהוּא יִמְשׁוֹל בָּךְ** (בראשית ג 16) : „און ער וועט געוועלטיקן איבער דיר“.

**כָּל־מַלְכֵי־מִיזרח־וּמערב** : אַלע קעניגן פֿון דער גאַנצער וועלט

**וַיְהִי הַיּוֹם** : און ס׳איז געשען אַ טאָג

**עָנִיטע :** (נישט־העברעיִשע פֿעמינינע פֿאָרעם פֿון עָני = אָרעמאַן) : קבצנטע

**ז׳ 5**

**כָּל יִשׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק [לְעוֹלָם הַבָּא]** (סנהדרין צ) : יעדן ייִד קומט אַ טייל [פֿון יענער וועלט].

**האַנט תּקיעת כַּף** : האַנטעסקאַף, תּקיעת־כף, פֿאָרמעלער צוזאָג

**וואָכגעלט :** (דאָ) פּראָצענט

**אִם־כֵּן** : טאָ וואָס איז ?

**אַסקאַקורדע, דבאַרבאַנטע :** ווערטער אָן אַ זינען, אָדער מיט אַ זינען וואָס פּאַסט זיך נישט אַהער, אָבער וואָס זייער קלאַנג איז ענלעך צו אַראַמישע ווערטער פֿון דער גמרא, דאָס זעלבע ווי **דקרנוסא דפֿאַרשמאַכטע** (וואָס קומען פֿאָר ווײַטער עטלעכע מאָל).

**כֶּסֶף וְזָהָב מטַהר חֲזִירִים** : „זילבער און גאָלד מאַכן ריין די חזירים“ (פּאַראָדיע פֿון פּסוק **כֶּסֶף מְטַהֵר מַמְזֵרִים**, קדושין עא א)

**ז׳ 6**

**הַבּוֹקֶר אוֹר** (בראשית מד 3) : „ווי נאָר דער מאָרגן האָט אויפֿגעלויכטן“

**פֿערכלעך** : פֿאַרכלעך, פֿלאַטערלעך, שמעטערלינגען, זומער־פֿייגעלעך

**לאָזן זיך הערן** : הערן זיך, לאָזן אַרויס אַ געדוך, שטינקען

**ז' 7**

**אַתָּה יָצַרְתָּ עוֹלָמְךָ מִקֶּדֶם... בָּחַרְתָּ בָּנוּ מִכׇּל עָם... וַתִּתֶּן לָנוּ** (אָנהייב פֿון דער פֿערטער ברכה, „קדושת היום“, אינעם מוסף פֿון שבת ראָש־חודש) „דו האָסט באַשאַפֿן דײַן וועלט פֿון אַלטע צײַטן אָן... האָסט אויסגעקליבן אונדז פֿון צווישן אַלע פֿעלקער... און דו האָסט אונדז געגעבן“...)

**קַדָּחַת רְבִיעִית :** פֿעריאָדישער פֿיבער־אָנפֿאַל.

**בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים** : אין דײַן גרויסער דערבאַרעמדיקייט, מיט דײַן גרויס רחמנות

**עַד כָּאן אומרים בשַׁבָּת הַגָּדוֹל :** „ביז אַהער זאָגט מען [די פסחדיקע הגדה] אום שבת־הגדול“ (שבת־הגדול – שבת פֿאַר פסח – לייענט מען אין שול די הגדה פֿון עֲבָדִים־הָיִינוּ ביז לְכַפֵּר עַל כׇּל עֲוֹנוֹתֵינוּ, און דעמאָלט שטייט אין מחזור די אויבן דערמאָנטע שורה.)

**הָלַךְ לעוֹלָמוֹ** (פֿון אֵל מָלֵא רַחמים) : ער איז אַוועקגעגאַנגען אויף זײַן וועלט, ער איז געשטאָרבן.

**שְׁאֵר בְּשָׂרִי** = שאר־בשׂר, קרובֿ, משפּחה־מענטש.

**וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כּוּלָּם** (מישנה פאה א, א, דערמאָנט אין פֿרימאָרגן־דאַוונען) : און דאָס לערנען תּורה איז אַזוי וויכטיק ווי זיי אַלע (ווי אַ ריי אַנדערע מיצוות).

**בְּאֶמְצַע הַדֶּרֶךְ** : אין מיטן וועג (נישט פֿון תּנך)

**ז' 8**

**מָה אָנוּ, מֶה חַיֵּינוּ ?** (פֿונעם פֿרימאָרגנדיקן דאַוונען) : וואָס זײַנען מיר, מישטיינס געזאָגט ? וואָס איז אונדזער גאַנץ לעבן ?

**מי בָרַעַשׁ ומי בַמַּגֵּפָה** (פֿונעם „ונתַנֶה תּוֹקף“ אינעם ראָש־השנהדיקן מוסף) : „ווער [עס וועט אומקומען] פֿון אַן ערד־ציטערניש און ווער – פֿון אַן עפּידעמיע“

**זָכַרְנוּ אֶת הַדָּגָה** (במדבר יא 5) : „מיר געדענקען די פֿיש [וואָס מיר האָבן געגעסן אין מצרים]“

**לָמָּה רָגְשׁוּ גוֹיִם ?** (תּהילים ב 1) : „פֿאַר וואָס רודערן די פֿעלקער ?“

**אֵין לְךָ אָדָם שֶׁאֵין לוֹ שָׁעָה** (פּרקי אָבֿות ד 3) : „נישטאָ אַזאַ מענטש וואָס זאָל נישט האָבן זײַן [גינציקע] שעה“.

**קאַפּאָטע בְמַשְׁכַּנְתּא שוויינקייך בִּגְרוֹנָם** : (ווילדער ווערטער־צונויפֿפּאָר) „די קאַפּאָטע פֿאַר אַ משכּן שווענקט דיר דורך אין זייער האַלדז“. דער אמתער טײַטש איז, פֿאַרשטייט זיך, שמעון־אַליס.

**לאָקשן־קוילעטש :** (פֿאַראָדיש) לשון־קודש

**רַגְלֵיהֶם ולֹא יְהַלֵּכוּ** (תּהילים קטו 7) : (רעדנדיק וועגן די סטאַטועס און בילדער פֿון די געצנדינערישע קולטן) „פֿיס בײַ זיי, אָבער זיי גייען נישט“.

**עִזִּים תַּעֲשֶׂה לךָ** (פֿאַראַפֿראַזירט אַ געבאָט־פֿאָרעם אין דער תּורה, למשל „חַג הַסוּכּוֹת תַּעֲשֶׂה לְךָ“ = זאָלסט דיר מאַכן אַ יום־טובֿ סוכּות) : „ציגן זאָלסטו דיר מאַכן“.

**הַכְּצַעֲקָתָה** (בראשית יח 12) : „צי איז דאָס טאַקע ווי איר געשריי ?“. דאָ געמיינט : זי האָט געשריגן.

**מֶדְרֶשׁ־פְּלִיאָה** : נאָמען פֿון אַן אַלטער מדרשים־זאַמלונג ; ווונדערלעכע זאַך.

**ז' 9**

**סדילקיווער סליחה** : אַ ספֿרל מיט סליחות, געדרוקט אינעם אוקראַיִנישן שטעטל סדילקעוו (סודילקאָוו), ווו עס האָט ביז 1836 עקזיסטירט אַ וויכטיקע דרוקערײַ.

**קלאַפּט איר** : (דאָ) זאָגט איר גיך און גוט (די ווערטער פֿון אַ ברכה, אַ תּפֿילה).

**בָּרְכִי נַפְשִׁי** : „בענטש, מײַן זעל“, אָנהייב און נאָמען פֿונעם קאַפּיטל תּהילים קד, וואָס איז באַזונדערס

פּאָעטיש און פֿײַערלעך און מע זאָגט אים גאַנצערהייט שבת־בראשית. (נאָך שׂימחת־תּורה).

**זֶה כַּפָּרָתִי, זֶה חֲלִיפָתִי** : „דאָס איז מײַן אויסקויפֿער, דאָס איז מײַן פֿאַרטרעטער“, ווערטער וואָס מע זאָגט ווען דעם האָן בײַם שלאָגן כּפּרות.

**כּבֿוד איז... לעבער** : ווערטערשפּיל : כָּבֵד (אָן דער וואָוו) מיינט „לעבער“. די שפּיל האָט שלום־עליכם נישט געשאַפֿן, ס׳איז אַ פֿאָלקסוויץ אָפּצולאַכן פֿון די, וואָס זוכן כּבֿוד ; פֿאַראַן אַ שפּריכוואָרט : „כּבֿוד געפֿינט מען אין יאַטקע“.

**קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים** : (בראשית לב 11) איך בין צו קליין אַנטקעגן די אַלע טובֿות, איך האָב נישט פֿאַרדינט אַזוי פֿיל גוטס.

**לֹא מִדּוּבְשָׁךְ וְלֹא מֵעוּקְצָךְ** (במדבר רבה כ) : „[גיב מיר נישט] נישט דײַן האָניק און נישט דײַן שטאָך“. (אין טעקסט שטייט אַנשטאָט מדובֿשך – מדוקצך, וואָס מיינט גאָרנישט, אָבער גראַמט זיך קאָמיש).

**שִׂמְלָה לְךָ קָצִין תִּהְיֶה לָנוּ** (ישעיה ג 6) : „אַ בגד האָסטו – אַ פֿירער זאָלסטו אונדז זײַן !“ (אין טעקסט – אין אַלע אויפֿלאַגעס וואָס איך האָב געזען, שטייט שִׂמְלְךָ – אפֿשר צוליב אַ קאָמישן גראַם מיטן ווײַטערדיקן וואָרט : לְךָ).

**עוֹד הַיּוֹם גָּדוֹל** : דער טאָג איז נאָך גרויס.

**חֲזַק, חֲזַק וְנִתְחַזֵּק** (שמואל ב, י 21) : זײַ שטאַרק און לאָמיר זיך שטאַרקן !

**בלי נֶדר וּמַסקָנָה** : אומבאַדינגט, אַזוי וועט עס זײַן !

**בָּשׂר־ודאָס** : (פֿאַראָדיש) בשׂר־ודם, „פֿלייש און בלוט“.

**מאָריטש** : בראָנפֿן וואָס מע טרינקט צו „באַגיסן“ אַן אָפּגעמאַכט געשעפֿט.

**ז׳ 10**

**וַיֵּצֵא...** : פֿאַראַפֿראַזירט **וַיֵּצֵא יעקבֿ מִבְּאֵר־שָׁבַע** (בראשית כח 10) : און יעקבֿ איז אַרויס פֿון באר־שבֿע

**כּרַכֵּי הַיָּם** : די גרויסע שטעט וואָס אויף יענער זײַט ים.

**הַהוּא בַּרְחָא** (בבֿא קמא פּרק ב כ/א ) : „די דאָזיקע ציג“. [ההוא בַרחא – אַ ציג, דחזיא ליפתּא – זי האָט געזען מערן, אַפּומא דְּדַנָּא – אויף אַ פֿאַס, סָריך – זי האָט זיך אָנגעכאַפּט, סַליק – די ציג איז אַרויפֿגעגאַנגען, אָכלה לַליפתּא – זי האָט אויפֿגעגעסן די מערן, וְתָבְרֵיה לְדַנא – און די האָט צעבראָכן דעם פֿאַס, חַייביה רָבָֿא – האָט רָבֿא מחייבֿ געווען, אַליפתּא ואַדַנא נֶזֶק שָׁלֵם – פֿאַר די מערן און פֿאַרן פֿאַס דעם גאַנצן שאָדן].

**צַפֹּרָא טָבָא לְמָארֵי דְחַיּטָא דקוּפָּא דמַחטָא** (ווילדער צונויפֿשטעל פֿון שטיקלעך גמרא־ציטאַטן) : „גוט מאָרגן דעם האַר, פֿונעם שנײַדער פֿונעם לאָך פֿון דער נאָדל !“

**אַל תִּסתַּכֵּל...** : פֿאַראַפֿראַזירט **אַל תִּסתַּכֵּל בַּקַנקַן אֶלָא בְמַה שֶׁיֵש בּוֹ** (פּרקי־אָבֿות ד 20) : „קוק נישט אויפֿן קרוג, נאָר אויף דעם וואָס געפֿינט זיך דערינען“.

**ז׳ 11**

**יגיע כַּפֶּיךָ [כִּי תֹאכֵל] אַשְׁרֶיךָ [וְטוֹב לָךְ]** (תּהילים קכח 2) : „אַז דו עסט פֿון דער מי פֿון דײַנע הענט, איז וויל און גוט צו דיר !“

**שקָצים וּרמָשׂים** (שבֿועות ג) : „מיאוסקייטן און ווערעם“. (דאָס וואָרט „שקצים“ פֿאַר זיך אַליין האָט אין ייִדיש געקראָגן דעם מילדערן באַטײַט „שטיפֿערס“, אָבער אַז מע ניצט עס אינעם ציטאַט צוזאַמען מיט „רמשׂים“, קלינגט עס אַנדערש).

**חַייבָא רַבָּא** : האָט רבא זי דערקלערט פֿאַר שולדיק.

**פּילע = פּוילע** : פּאָרציע עסנוואַרג פֿאַר אַ בהמה.

**ז' 12**

**כַּמה מַעֲלות טובות** (פֿון דער הגדה־של־פּסח, פֿאַר „דיינו“) : „וויפֿל גרויסע טובֿות [זײַנען מיר שולדיק] ?“

**לי הַכֶּסֶף ולי הַזָּהָבֿ** (חגי ב 8) : „בײַ מיר איז דאָס זילבער און בײַ מיר איז דאָס גאָלד [זאָגט גאָט]“.

**מְחֻסְפָּס מפַּצְפֶּצִים** : דאָס וואָרט „מחוספּס“ (שאָרסטיק, נישט־גלאַטיק) געפֿינט זיך ווי אַ באַצייכענונג פֿאַרן מן אין שמות טז 14 ; „מפֿצפּצים“ מיינט : „די, וואָס צעברעקלען“. דערווײַל האָב איך נישט געפֿונען אַזעלכע ווערטער אין מחזור ; אפֿשר זענען זיי אַ צעקרימונג אינעם סטיל פֿון „עם־האַרציש פּיוט־לשון“.

**ז' 13**

**אַל תַּקשו לְבַבְֿכֶם** (תּהילים צה 8) : „מאַכט נישט האַרט אײַער האַרץ“.

**מַה פִּשׁעי מַה חַטָאתי** (בראשית לא 36) : „וואָס איז מײַן פֿאַרברעך, וואָס איז מײַן חטא ?“ (זאָגט יעקבֿ צו לבֿנען).

**וַתּמָאֵן** (אסתּר א 12) : „און זי האָט זיך אָפּגעזאָגט“ (צו קומען טאַנצן נאַקעט פֿאַרן גאַנצן הויף).

**בעַל כָּרחֲךָ אַתָּה חַי** (פּרקי־אָבֿות ד 22) : „איבער נויט לעבסטו“, נישט מיט דײַן ווילן לעבסטו.

**בָּחור כַּהֲלָכָה** (פֿונעם ליד „כּי לוֹ נָאה, כּי לוֹ יָאה“ אין דער פּסחדיקער הגדה) : „אויסגעקליבענער ווי געהעריק“, דאָ געמיינט : אַ בחור ווי עס באַדאַרף צו זײַן, אַ יונג מיט ביינער.

**לֶך לְךָ מאַרצְךָ** (בראשית יב 1) : „גיי דיר אַוועק פֿון דײַן לאַנד“ (זאָגט גאָט צו אַבֿרהמען).

**ז' 14**

**כִּי לכַך נוצַרתָּ** (פּרקי־אָבֿות ב 9) : „ווײַל דערצו ביסטו באַשאַפֿן געוואָרן“.

**הַצָּרי וְהַציפּורן, הַחֶלבָּנָה והַלבֿונָה** : באַלזאַם און רייכער־נעגל, גאַלאַבאַן און ווײַרעך.

**ער האָט פֿאַרקאַטשעט זיך אָפּשטעפּן** : ער האָט זינגענדיק גענומען דאַוונען פֿליסיק, שיין און גוט.

**עִם לָבָֿן גַרתּי** (בראשית לב 5) : „בײַ לבֿנען האָב איך געוווינט“ (הייסט יעקבֿ זאָגן זײַן ברודער עשׂיו ווען ער שיקט אים אַ מתּנה פֿון שאָף, ציגן און רינדער).

**כּמָּה לָקוּ במיצרַים** (לויט דער פּסחדיקער הגדה) : „וויפֿל [מכּות] זענען זיי געשלאָגן געוואָרן אין מצרים ?“

**צָדַקתָּ כּדבָֿרֶיךָ** (צוויי אָפּגעריסענע ווערטער) : „דו ביסט גערעכט לויט דײַנע רייד“.

**ז' 15**

**אֵין קוצים בפֿרוצים** : גראַמענדיקע ווערטער אָן אַ זינען. אינעם „שלום־עליכם־בוך“ (רעדאַקטאָר: י.ד.בערקאָוויטש, ז' 350) זענען זיי פֿאַרצייכנט אין אַ ליסטע אונטערן קעפּל „עם־האַרציש פּיוט־לשון“).

**אויסגעשפּיגן צו „עלינו“** : אַלטע געוווינהייט אויסצושפּײַען נאָכן דערמאָנען געצן־דינערײַ בײַם סוף פֿונעם דאַוונען.

**הַלעִיטֵני נאָ מִן הָאָדָם הָאָדָם הַזֶּה** (בראשית כה 30) : „לאָז מיך אַ שלונג טאָן פֿון דעם דאָזיקן רויטן רויטן“ (זאָגט עשׂיו צו זײַן ברודער יעקבֿ).

**הַשְׁכִּיבֵנוּ לְשָׁלוֹם** (פֿונעם קריאת־שמע וואָס מע לייענט פֿאַרן שלאָפֿן) : „מאַך מיר זאָלן זיך אַוועקלייגן געזונטערהייט".
**פּאָראַדקעס** : מערצאָל פֿון **פּאָראַדיק** = פּאָראָנדיק, איינפֿיר, פֿירעכץ, מינהג, געוווינהייט.
**סימביר** = (פֿאָלקיש דעפֿאָרמירט) סיביר
**בּוֹר כָּרָה וַיַּחְפְּרֵהוּ** (אומישנע צעקרימט תּהילים ז 16) : **בּוֹר כָּרָה וַיַּחְפְּרֵהוּ** = „ער גראָבט אַ גרוב און הוילט זי אויס [און פֿאַלט אינעם אָפּגרונט וואָס ער מאַכט]". דאָס וואָרט **וַיַּחְפְּרֵהוּ** (=„און האָט אים צעברעקלט") געפֿינט זיך גאָר, אין אַ ביסל אַן אַנדער פֿאָרעם, אין איובֿ טז 21.
**קוֹפֵּץ בּהאָץ** : צעקרימט נאָך [**הֶדיוט**] **קוֹפֵּץ בּראָש** : „[דער וואָס איז אומפֿעיִק] שפּרינגט דער ערשטער אויבן אָן" (גמרא, מגילה יב ב).
**יָבוֹא יוֹנה** : צעקרימט נאָך **יָבוֹא יוֹמוֹ** (תּהילים לז 31) „קומען וועט זיין טאָג".
**הַחִילוֹתָ לִנפּוֹל... נָפוֹל תִּפּוֹל** (אסתּר ו 13) : „האָסט אָנגעהויבן פֿאַלן... וועסטו שוין טאַקע פֿאַלן" (זאָגט זרש צו איר מאַן המן).

**ז' 16**
**לֹא הָא וְלֹא הָא** : נישט דאָס אין נישט דאָס, נישט דאָס און נישט יענץ.
**וואָרעטשקעס** (איינצאָל : וואָרעטשיק) : דאָ – שטרויענע אָדער לייוונטענע זיי־ערס אין וועלכע מע טוט אַריין די געשטאַנענע מילך, אַז די סראָוועטקע זאָל אָפּטריפֿן און סע זאָל זיך מאַכן ווייסער קעז.
**קריהע** = **קריִע** : שטיק אייז וואָס שווימט מיטן שטראָם פֿון אַ טייך ; דאָ – די שטיקער קעזשטאָף פֿון דער זויערמילך וואָס שווימען אין דער סראָוועטקע.

**ז' 17**
**גוטע־שוועסטער** : פֿריינדינע, נאָענטע חבֿרטע, פֿרוי מיט וועלכער אַ צווייטע פֿרוי איז היימיש צונויפֿגעלעבט (פֿעמינין פֿונעם אָפֿטערן אויסדרוק „גוטער־ברודער").

**ז' 18**
**תָּמוֹת נַפְשִׁי עִם פּלישתּים** (שופֿטים טז 30) : „לאָמיך שטאַרבן אין איינעם מיט די פּלישתּים" (שמשון הגיבורס לעצטער אויסרוף).
**דַם־הַתַּמצית** : דאָס לעצטע בלוט וואָס גיסט זיך אַרויס ביי אַ געשאָכטענער בהמה ; דער לעצטער טראָפּן בלוט.
**אָפּשפּילן אַ וויוואַט** = אָפּשפּילן אַ חתונה, מאַכן אַ סקאַנדאַל.

**ז' 19**
**כָּל הָאָדָם כּוֹזֵב** (תּהילים קטז 11) : אַלע מענטשן זאָגן ליגן, יעדער מענטש איז פֿאַלש.
**בָּרֶכֶב וּבַסּוּסים** (ירמיהו יז 25) : „אויף רייטוועגן און אויף פֿערד"
**עַיִן תַּחַת עַיִן** (שמות כא 24) : „אַן אויג פֿאַר אַן אויג".
**וַחֲמָתוֹ בָּעֲרָה בוֹ** (אסתּר א 12) : „און זיין גרימצאָרן האָט אין אים געברענט".
**כּשֶׁכֵּשָׁה בּזנָבָהּ ... וְשָׁבְרָה את הַכַּד** (בבֿא קמא יט ב)
**עַל יִשׂראל ועַל רַבָּנָן ועַל תַּלמִידֵהוֹן** (ווערטער פֿונעם רבנן־קדיש וואָס מע זאָגט רעגולער ביים דאַוונען) : „[זאָל זיין שלום און געזונט] אויף ייִדן און אויף די רבנים און אויף זייערע תּלמידים".

**אָהַבְתִּי כִּי יִשְׁמַע לִי** (לויט תהילים קטז 1, ווּ עס שטייט **אָהַבְתִּי כִּי יִשְׁמַע ה' אֶת קוֹלִי**) : „איך האָב ליב אַז [ער =גאָט] זאָל הערן".

**ז' 20**

**לָמָּה הֲרֵעֹתָ לָעָם הַזֶּה** (שמות ה 22) : „פֿאַר וואָס טוסטו שלעכטס דעם דאָזיקן פֿאָלק?" (משהס רייד צום רבונו־של־עולם).

**לְלַעַג ולקלעמעניש** (עקסטרע פֿאַרקרימט פֿון **לְלַעַג וּלְקֶלֶס** ; לויט תהילים מד 14, ווּ עס שטייט **לַעַג וָקֶלֶס**) : חוזק און שפּאָט, צו שאַנד און צו שפּאָט.

**פּערענטשעס = פּאָרענטשן**

**ז' 21**

**אמת וְיַצִּיב וְנָכוֹן** : וואָר און פֿעסטגעשטעלט און באַשטעטיקט.

**אֵין חָדָשׁ תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ** (קהלת א 4) : „נישטאָ קיין נײַס אונטער דער זון".

**ז' 23**

**וַיִּשָּׂא הַחַייט את רַגְלָיו** (פֿאַראַפֿראַזירט נאָך בראשית כט 1 **וַיִּשָּׂא יַעֲקֹב רַגְלָיו** = יעקבֿ האָט אויפֿגעהויבן די פֿיס) : און דער שנײַדער האָט אויפֿגעהויבן די פֿיס

**חינם אֵין כסף** (שמות כא 11) : „אומזיסט, אָן געלט" (אַזוי דאַרף אַרויסגיין אויף דער פֿרײַ אַ ייִדישע דינסט וואָס איר באַלעבאָס וויל זי נישט האַלטן ; ד"ה, ער טאָר זי נישט פֿאַרקויפֿן און זי דאַרף זיך פֿון אים נישט אויסקויפֿן).

**כִּי אָדם אֲנִי וְלֹא פּאַרך** (פֿאַראָדירט הושע יא 9 : כִּי אֵל אָנֹכִי וְלֹא-אִישׁ = „וואָרן גאָט בין איך און ניט קיין מענטש"

**הַנֶּפֶשׁ קַח לָךְ והָרכוּשׁ תֶּן לִי** (איבערגעדרייט דעם פּסוק בראשית יד 21 : **תֶּן לִי הַנֶּפֶשׁ והָרכוּשׁ קַח לָךְ** = „גיב מיר די נפֿשות און דאָס פֿאַרמעגן נעם דיר", אַבֿרהמס רייד צום קעניג פֿון סדום, בײַ וועמען ער האָט נישט אָנגענומען קיין אַנדער באַלוינונג ווי בלויז די באַפֿרײַונג פֿון זיין קרובֿ לוט און משפּחה) : דאָס נפֿש נעם דיר און דאָס פֿאַרמעג גיב מיר.

**לַאו כָּל־אָדם כּוֹזֵב** : קאָמבינאַציע פֿון **כָּל הָאָדם כּוֹזֵב** (זע פֿריִער) און ווערטלעך ווי **לַאו כל אָדם זוֹכה** = נישט יעדער מענטש איז זוכה.

**ז' 24**

**לֹא הָיוּ דְבָרִים** (בבֿא מציעא יז א) : „דאָס איז נישט געשען/געווען"

**ניע מאַלאַ באַבאַ כלאָפּאָטע...** : טאָמער האָט די באָבע נישט געהאַט קיין דאגות...

**כשבאָ הַחַייט** : אַז דער שנײַדער איז געקומען

**ז' 26**

**יְגִיע כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל** (תהילים קכח 2) : „די מי פֿון דײַנע הענט אַז דו עסט, [ווויל איז צו דיר און גוט איז צו דיר]".

**שבֿוּעה דאוֹרַייתאָ :** פֿײַערלעכע שבֿועה, ערנסט געשווירן.

**נישטאָ נאָך אַזאַ געבענטשטע כּלי פֿאַר ייִדן ווי שלום :** לויט מישנה עוקצין ג : לא מצא הקדוש ברוך הוא כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום.

**נאום :** (פֿאָרמעל, בײַם אָנהייב צי בײַם סוף פֿון אַ דאָקומענט) : די רייד פֿון...

**הָרַבֿ בְּהָרַבֿ :** דער רבֿ ... זון פֿונעם רבֿ...

**ז׳ 27**

**שחוֹרָה אֲני וְנָאוָה** (שיר־השירים א 5) : „שוואַרץ בין איך, אָבער שיין". (שמעון־אליה גיט דאָ אָנצוהערן אויפֿן ווערטל „ווער ס'איז שיין און איך בין קלוג" און מאַכט אַזוי האָדלען אַ קאָמפּלימענט).

**ז׳ 28**

**חליפֿתניקעס** (פֿאָלקיש צעקרימט) = חניפֿהניקעס

**כּוּלָם אֲהוּבִים, כּוּלָם ברורים** (פֿון דער ברכה „יוצר אוֹר" וואָס מע זאָגט אין דער פֿרי פֿאַר קריאת־שמע) : „אַלע באַליבטע, אַלע אויסגעקליבענע" (געזאָגט וועגן גאָטס מלאָכים).

**באָצרעס** : אויסגעטראַכטע מעשׂיות.

**פֿידרוך מיט לאַקריצע = פֿידרעך מיט לאַקריץ** : פּוסטע רייד, ווערטער אָן אַ זינען, נישט געשטויגנס.

**נָשים דַעתָּן קַלוֹת** (שבת לג ב, געשריבן שטייט ...**קַלָּה**) : פֿרויען זענען לײַכטזיניק.

**ז׳ 29**

**וְאָתאָ שוּנְרָא וְאָכְלָה לְגַדְיָא :** (פֿון חד־גדיאָ) איז געקומען די קאַץ און האָט אויפֿגעגעסן די ציג

**ניע מאַלאַ באַבאַ כלאָפּאָטע קופֿילע סאָבי קאָזאַ** : טאָמער האָט די באָבע נישט געהאַט קיין דאגות, האָט זי זיך געקויפֿט אַ ציג.

**מֶלֶך מֵמית וּמְחַיֶה ... וְנֶאֱמָן אַתָּה לְהַחֲיוֹת מֵתים** (פֿון דער צווייטער ברכה פֿון שמונה־עשׂרה) : „קעניג וואָס דו טייטסט און דו מאַכסט לעבעדיק... באַגלייבט ביסטו צוריק אויפֿצולעבן די טויטע".

**ז׳ 32**

**הָבָה נִתחַכּמָה** (שמות א 10) : „קומט, לאָמיר זיך קליגן", לאָמיר פֿאַרטראַכטן אַ קלוגן פּלאַן.

**לְהַרוג, לְאַבֵּד וּלְהַשמיד** (אסתּר ג 13 א"אַ) : טייטן, אומברענגען און פֿאַרטיליקן.

**וְאַיֵה הַשֶׂה** (בראשית כב 7) : „און ווו איז דער שעפּס [פֿאַר אַ קרבן] ?" (פֿראַגע פֿון יצחקן צו זײַן פֿאָטער אַבֿרהם ווען ער זעט אַז אַלץ איז גרייט צו ברענגען אַ קרבן פֿאַר גאָט, נאָר קיין שעפּס איז נישטאָ).

**ז׳ 33**

**כָּעֵת** : אַצינד, איצט.

**ז׳ 45**

**ליאַפּען** : (דאָ) פֿאַרשמירן (מאָראַליש), באַרעדן

**עוֹלָם כְּמִנהָגוֹ [נוֹהג]** : די וועלט פֿירט זיך ווײַטער ווי געוויינטלעך

**פָּרים הַנִשׂרָפִים** : „פֿאַרברענטע אָקסן", דערמאָנט אין סידור צווישן די קרבנות וואָס מע פֿלעגט ברענגען אין בית־המיקדש.

**בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי** (בראשית מח 22) : מיט מײַן שווערד און מיט מײַן פֿײַלנבויגן.
עמער : (דאָ) אַן אַמאָליקע מאָס פֿאַר בראָנפֿן.

**ז' 46**

**זשענאַ אַאז״ו :** דאָס ווײַב קראַנק, קינדער קראַנק, שוויגער קראַנק, זייער מסוכּן.
**דעביוועז זיך = דערביוועז זיך** : דערגיין, אָנקומען ביז צו, זיך דערוויסן
**אַל תְּהִי בָז לְכָל בָּשָׂר** (פֿאַראָדירט נאָך) **אַל תְּהִי בָז לְכָל אָדָם** (פּרקי־אָבֿות ד' 3) : זאָלסט נישט פֿאַרשעמען קיין שום מענטשן.

**ז' 47**

**אָבשטשעסטווע :** קאָמפּאַניע, די פֿאַרזיכערונגס־געזעלשאַפֿט

**ז' 48**

**הַמִבְּלִי אֵין פְּגָרִים בְּמִצְרַיִם** (פֿאַראָדירט נאָך) **הַמִבְּלִי אֵין קְבָרִים בְּמִצְרַיִם** (שמות יד 11) : צי דערפֿאַר ווײַל עס זענען נישטאָ קיין קבֿרים אין מצרים.
**טאָוואַר וואָבראַטי :** אָנגעזאַמלטע סחורה

**ז' 49**

**פְּשׁוֹט נְבֵלָה בַּשּׁוּק וְאַל תִּצְטַרֵךְ לַבְּרִיּוֹת** (לויט אַן אַראַמישן גמרא־מאמר) : שינד אָפּ אַ נבֿלה אויף דער גאַס, אַבי דו זאָלסט נישט דאַרפֿן אָנקומען צו קיין מענטשן.
**הַחִילוֹתָ לִנְפּוֹל... נָפוֹל תִּפּוֹל** (אסתּר ו 13) : „האָסט אָנגעהויבן פֿאַלן... וועסטו שוין טאַקע פֿאַלן“ (זאָגט זרש צו איר מאַן המן).
**פּרעקאָראָר :** (צעקרימט) פּראָקוראָר

**ז' 50**

**בַּעֲבוּר שְׁנָּדַר עֲשָׂרָה פּוּנט נֵרוֹת... :** דערפֿאַר וואָס ער האָט צוגעזאָגט שענקען צען פֿונט ליכט פֿאַרן...